# ייִדישע קולטור

חודש־שריפט פונם
ייִדישן קולטור־פאַרבאַנד

## אינהאַלט

פֿון חודש: **א. ג.**

מיט 60 יאָר צוריק — מאַניפֿעסט פֿון איקוף 1937———— 3

דער ייִדישער קאָנגרעס אין באַזעל ——— **שלום־עליכם** 6

זכרונות פֿון אַ געוועזן קינד — **סילוויאַ גובערמאַן־יונין** 13

לידער ———————————— **מאַטעס אָליצקי** 23

חלום אוןווירקלעכקייט ——————————— **מרדכי צאַנין** 24

ייִדן אין ווײַסרוסישע שטעטלעך

פֿאָטאָגראַפֿיעס ——————————— **פֿראַנק שוואַרץ**

טעקסט ———————————— **הירשע־דוד קאַץ** 33

לידער ———————————— **משה שקליאַר** 37

דער פּחד פֿאַר ייִדיש איז אַן אַלטער — **הירשע־דוד קאַץ** 38

נחמן מײַזילס עפּיסטאָלאַרישע ירושה ——— **חיים ביידער** 48

... און נאָך זיבן אומבאַוווּסטע (כאַלאַדע)

———————————— **אַלעקסאַנדער ליזען** 55

דער שרײַבער נאָטע לוריע (סוף)———— **משה וואָלף** 57

ש. ל. שנײַדערמאַן, ז״ל ———————— **אַבֿרהם ליס** 61

נײַע ביכער: מודעות ——————————— 63

*) „איך וואָס באַדאַרפֿן...": דער טיטל איז אויסגעבעסערט געוואָרן דורך שלום־עליכם אַליין.




סעפּטעמבער־
אָקטאָבער
1997

**9־10**

**59סטער יאָרגאַנג**

**4:00 דאָלאַר**

# דער פחד פֿאַר ייִדיש איז אַן אַלטער

## (דער מהר״ל און ייִדיש)

• הירשע־דוד קאַץ/קאַפּעלולאַ, ווילנע

סײַ ייִדישיסטן און סײַ די קעגנער פֿון אונדזער שפּראַך און קולטור למיניהם (אַסימילאַטאָרן, העברעיִסטן א. אַ.), זײַנען נוטה צו באַנעמען די אַלע דעבאַטעס אַרום דער שפּראַך ווי פֿענאָמענען פֿון דער נײַער צײַט, פֿון סעקולאַריזאַציע, און לעצטן סך־הכּל: פֿונעם אויפֿקום פֿון די נײַע שטרעבונגען און באַוועגונגען אין ייִדישן לעבן אין 19טן יאָרהונדערט און ווײַטער.

בשעת ווען ס'איז זיכער באַרעכטיקט פֿעסטצושטעלן, אַז די הײַנטיקע קאָנטעקסטן וואָס כאַראַקטעריזירן די וויכּוחים, ווי אויך די באַנוצטע טערמינען גופֿא, זײַנען אָפּשטאַמיקע פֿון דער נײַער צײַט, איז עס לחלוטין אַ טעות צו האַלטן אַז דעבאַטעס אַרום ייִדיש — ברייטער געזאָגט געוואָרן: די יסודותדיקע קאָנטראָווערסיאַלקייט פֿון ייִדיש — איז נײַ.

פֿאַרקערט, די ייִדישע שפּראַך איז אַ קאָנטראָווערסיאַלע פֿון איר סאַמע בראשית. אונדז איז לעצטנס אויסגעקומען, טאַקע דאָ אויף די זײַטן פֿון דער „ייִדישע קולטור", אַרומצורײדן דעם קאַמף לטובֿת ייִדיש מצד ר' עקיבֿה־יהוסף שלעזינגער (*1837־1922*), דעם חתם־סופֿרס תּלמיד (קאַץ 1997).

אין איצטיקן קאַפּיטל טוען מיר אַ שפּרונג אויף צוריק ביז צום גרעסטן אַשכּנזישן רבֿ פֿון סוף 14טן, אָנהייב 15טן יאָרהונדערט, בכדי געוואָר ווערן ווי אַזוי ער האָט זיך געראַנגלט מיט פֿראַגן פֿון — ייִדיש.

דער מהר״ל (אַרויסגערעדט: מאַהאַריל, מאַריל) האָט זיך בשעתו אין אַשכּנז גערעכנט פֿאַרן גדול הדור. ער איז געבאָרן געוואָרן אין מײַנץ (בײַ ייִדן: מאַגענצע) בערך 1360 און געשטאָרבן דאָרטן אין 1427. מהר״ל איז אַ ראשי־תּיבֿות: מורנו הרבֿ יעקבֿ לוי. ער איז אויך באַקאַנט אין דער רבנישער טראַדיציע ווי מהר״י סגל (סג״ל מאַכט דאָך סגן לכּהן, דאָס הייסט אַ לוי) און מהר״י מולין. דעם פֿאַמיליע נאָמען „מולין" דערקלערט מען אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים (זע סטיימאַן, 1963: 3־4). נאָכן אָפּלערנען בײַם טאַטן בײַ זיך אין מײַנץ, איז דער מהר״ל אַוועק קיין עסטרײַך לערנען בײַם מהר״ש אסטרייך (ר' שלום בן יצחק פֿון ניישטאָט). דער מהר״ש איז געווען זײַן „רבֿ מובֿהק" (עיקר־רבי). ווען דעם מהר״לס טאַטע איז געשטאָרבן אין 1387, האָט מען דעם יונגן מהר״ל צוריקגערופֿן אַהיים קיין מײַנץ וווּ ער האָט מיסד געווען אַ ישיבֿה.

אין דער טראַדיציע פֿון די מערבֿדיקע אַשכּנזים, האָט מען אין משך פֿון דור־דורות ווייל געדענקט דעם „מהר״לס תּענית" וואָס ער האָט אויסגערופֿן אין 1421, בעת עס זײַנען אַרויסגערופֿן געוואָרן רוצחישע גזירות אויף ייִדן. דער תּענית איז געווען אויף דרײַ טעג (פֿאַראַן אַ יש־אומרים אַז זיבן), ווען לויט דער טראַדיציע זײַנען די מערדערישע דײַטשישע חיילות, נאָכן ייִדישן תּענית, גאָר אַוועק צו די ייִדן מיט גוטן, געבעטן מ'זאָל זיי קאָרמען מיט מאכלים. וועגן מהר״ל זע גרינוואַלד (1944); סטיימאַן (1963).

---

1) די אַרבעט איז אָנגעשריבן געוואָרן אַ דאַנק אַ סובווענץ פֿון קרן אַבֿרהם י. לערנער. איך דריק אויס מײַן טיפֿע דאַנקבאַרקייט דעם קרן לערנער, און זײַן פּרעזידענט עפֿרה אליגון. פֿאַרשטייט זיך אַז די פֿולע אחריות פֿאַרן תּוכן טראָגט דער מחבר אַליין.

1

# מ׳זינגט לידלעך אויף ייִדיש

## (אָנשטאָט אָפּהיטן די מצוות)

אין הלכה איז דער מהרי״ל געווען אַ פּוסק לדורות. זײַנע שאלה־תּשובֿות זײַנען פֿאַרבליבן צווישן די בר־סמכאדיקסטע וואָס בײַ די אַשכּנזים. הונדערטער יאָרן זײַנען זיי אומגעגאַנגען אין כּתבֿי־ידות, ביז וואַנען אַן ערשטע זאַמלונג איז גע־דרוקט געוואָרן אין 1549 אין ווענעציע (ווענעדיג).

די מנהגים פֿאַר וועלכע ער האָט זיך אײַנגעשטעלט האָבן זיך בדרך כּלל געדעכנט פֿאַר: נוסח־אַשכּנז. דאָס איז אַ שטייגער לעבן וואָס איז טיילווײַז קאָדיפֿיצירט געוואָרן אינעם ספֿר מהרי״ל, וואָס זײַן געטרײַער תּלמיד, ר׳ זלמן משוטיגווערא האָט מחבר געווען (שוטיגווערא איז דער ייִדישער נאָמען פֿון St Goar). אויך דער ספֿר מהרי״ל איז אומגעגאַנגען אין כּתבֿי־ידות ביז וואַנען ס׳איז דערשינען אין סאַביאָנעטע די ערשטע געדרוקטע אויפֿלאַגע אין 1556.

דאָרטן דערמאָנט זיך ר׳ זלמן אין די רייד פֿון זײַן רבין דעם מהרי״ל, כּהאי לישנא:

אמר חרוזו׳ ומשקלו׳ שעושין בלשון אשכנז על הייחוד ועל הי״ג עקרים הלוואי שלא יעשו. מפני שרוב עמי הארצות סבורים שבזה תלוי כל המצוות ומתייאשין מכמה מצוות עשה ולא תעשה על דרך ציצית ותפילין ותלמוד תורה וכה״ג וסבורים לצאת ידי חובתם באומרים אותן חרוזות בכוונה. ובאותן חרוזות אינו רמוז רק עיקר אמנת ישראל ולא אחד מתרי״ג המצוות שישראל מצווין עליהן:

(זלמן משוטיגווערא 1556: קיג ע״א)

אויף ייִדיש:

ער [דער מהרי״ל] האָט געזאָגט: די גראַמען און משקלים וואָס מען מאַכט אויף לשון אַשכּנז איבער דעם יחוד [איינהײַט פֿון גאָט], און איבער [דעם רמב״מס] דרײַצן עיקרים [פֿון ייִדישן גלויבן], הלוואי וואָלט מען ניט געמאַכט! מחמת די מערסטע עם־הארצים זײַנען זיך משער, אַז אין דעם אַליין זײַנען אָפּהענגיק אַלע מצוות, און זיי לאָזן אָפּ אַ צאָל מצוות „עשה״ [פּאָזיטיווע מצוות, וואָס מען דאַרף מאַכן] און „לא תעשה״ [נעגאַטיווע מצוות, וואָס מ׳טאָר ניט], אויפֿן שטייגער פֿון: ציצית און תּפֿילין און לערנען תּורה און נאָך אַזעלכע, און זײַנען זיך משער אַז זיי וועלן זיך אַרויסדרייען פֿון זייער התחייבֿות דערמיט וואָס זיי זאָגן אַרויס יענע גראַמען מיט כּוונה. נאָר אין אָטאָ די גראַמען איז דאָ מער ניט אַן אָנצוהערעניש בלויז אויף דעם עיקר פֿון ייִדישן גלויבן, און אויף קיין איינער ניט פֿון די תּרי״ג [613] מצוות וואָס ייִדן זײַנען דערין מחויבֿ.

נעמענדיק אין באַטראַכט, ראשית כּל, אַז דער מהרי״ל האָט געלעבט סוף פֿערצעטן אָנהייב פֿופֿצעטן יאָרהונדערט, והשנית, אַז ס׳ליגט זיך קוים אויפֿן שׂכל אַז דער־אָ ענין איז פּונקט דעמאָלט אַרויפֿגעשווומען, ווערט עס באַשיימ־פּערלעך אַז דער ווידעראַנאַנד „פֿרומע ייִדן וואָס היטן די מצוות״־קעגנאיבער „ייִדן וואָס זינגען לידער אויף ייִדיש״ איז גאָרניט קיין פּנים חדשות אויף דער אַשכּנזישער ייִדישער גאַס. ניט פֿון דער השׂכּלה און ניט פֿונעם מאָדערנעם ייִדישיזם וואַקסט יענער ווידעראַנאַנד. ער איז אַ בפֿירוש־דיקער כאַראַקטעריסטישער שטריך פֿון דער אַלט־אַשכּנזישער ציוויליזאַציע. פֿאַרשטייט זיך, אַז סײַ די רעלאַטיווע שטאַרקייט און סײַ די ממשות־דיקע פּעולות פֿון איטלעכן צד האָבן זיך שטאַרק איבערגעאַנדערשט אין משך פֿון די דורות. די פֿאַראַנענקייט פֿונעם ווידעראַנאַנד דאַרף אָבער צוגערעכנט ווערן די „סימני אַשכּנז״ פֿון שיִער ניט אַלע דורות.

געוויסע באַנוצונגען פֿון דער ייִדישער שפּראַך („לשון אַשכּנז״) ווערן דאָ אידענטיפֿיצירט מיט אַ שיִער ניט אונטערערדישער אַקעגן־שיטה וואָס כאַראַקטעריזירט זיך בילדעריש: פֿאַראַן ייִדן אַזעלכע, עם־הארצים, וואָס טראָגן ניט קיין ציצית, לייגן ניט קיין תּפֿילין און לערנען ניט קיין תּורה: איז וואָס טוען זיי? זיי זינגען געגראַמטע לידלעך אויף ייִדיש, לאָמיר אָנכאַפּן, וועגן דער איינהײַט

פֿון גאָט און די דרײַצן עיקרים פֿונעם רמב״ם און דערמיט האַלטן זײ אַז זײ טוען דאָס וואָס אַ ייִד דאַרף טאָן.

דאָ גײט אין לידלעך ניט וועגן טאָגטעגלעכן גאַנג פֿונעם לעבן, אויך ניט וועגן העלדן און מעשׂיות איבערגענומענע פֿון דער גויִישער ליטעראַטור, און אַוודאַי און אַוודאַי ניט מיט אַזעלכע ניט איז אַנטי־רעליגיעזע כּוונות. דאָ גײט בפֿירוש אין דעם וואָס מ׳וואָלט הײַנט אָנגערופֿן אַ מאָדערניזירטע, מער אַבסטראַקטע ייִדישקייט. סטרוקטורעל גערעדט, איז דאָ אַ צד־השווה מיט מאָדערנע ייִדישע באַוועגונגען (טייל נוסחאות פֿונעם ייִדישיזם בתוכם).

די כּלי פֿון אָטאָ דעם אויסדרוק פֿון „איבער־געמאַכטער ייִדישקייט״ אין פֿערצעטן יאָרהונ־דערט איז: „לשון אַשכּנז״. דער מהרי״ל איז חלילה ניט „קעגן ייִדיש״ אין שפּעטערדיקן זין פֿון וואָרט, אלא וואָס דען, ער איז קעגן דער (אין זײַנע אויגן) פֿאַרוואָסערטער ייִדישקייט פֿון פּשוטע ייִדן וועמענס גלויבן דריקט זיך אויס אין זינגען ייִדישע לידלעך מיט כּוונה. דאָ שטעקט אַ בפֿירושדיקער „מודה במקצת״. דער מהרי״ל איז מודה, אַז די לידער אויף ייִדיש ווערן געזונגען מיט טיפֿער גלייבונג, און באַנוצט זיך אַפֿילו מיטן קלאַסישן לשון־קודשדיקן באַגריף, כּוונה, אויף צו שילדערן די געהויבענע קאָנצענטרירטקייט בשעת דער תּפֿילה.

די עצם צוזאַמענטרעפֿונג פֿון די עלעמענטן: (א) לידלעך אויף ייִדיש; (ב) לידלעך וועגן עיקר פֿון דער ייִדישער אמונה; (ג) דאָס אויסזינגען די־אָ לידלעך מיט כּוונה — אָט דאָס אַלץ איז פֿאַרן מהרי״ל אַן עקספּלאָסיווער פֿאָרמל וואָס פֿאַרמאָגט אין זיך דעם כּוח, אַז ס׳גייט די רייד וועגן פּשוטע ייִדן („עמי הארצות״), צו פֿאַרשטויסן די גאַנצע אחריות בײַ ייִדן אויף צו היטן די מצוות און לערנען תּורה.

ייִדיש ווערט דאָ אידענטיפֿיצירט צום ערשטן מאָל (אין די מקורות וואָס האָבן זיך אויפֿגעהיט) מיט אַ ראַדיקאַלער, אַנטי־טראַדיציאָנאַליסטישער פֿאָרם פֿון ייִדישקייט. די אידענטיפֿיקאַציע האָט ניט קיין שייכות מיט אַזעלכער ניט איז איבערצײַגונג מכּוח שפּראַך גופֿא: ס׳גייט אין דעם וואָס די „סאָציאַלע נאַטור״ גופֿא איז מחייב, אַז די טאָגטעגלעכע שפּראַך זאָל שפּילן אַ סך אַ גרעסערע ראָלע אין אַ שטייגער לעבן וואָס בויט זיך אויף טוונגען פֿונעם פּשוטן מענטשן, ניט אָנקומענדיק צו געלערנטע אויטאָריטעטן.

לאָ וואָלט געשטאַנען אַן „עד־כּאן״, ווען ס׳וואָלט זיך ניט אויפֿגעהיט דעם מהרי״לס אַן אייגן־געשריבענע תּשובֿה וואָס ווײַזט אָן, אַז ער איז אויך ניט געווען אין זיבעטן הימל וועגן דעם באַנוץ פֿון ייִדיש אין אַ ריכטיק־הלכהשן ענין.

## 2

# די „סכּנה״ פֿון הלכה ווערק אויף ייִדיש

אינעם *מהרי״לס שאלה־תּשובֿות* טרעפֿט מען זײַנע אַ שאַרפֿע תּשובֿה מכּוח אַ רבֿס אַ פּלאַן אָנצושרײַבן אויף ייִדיש אַ חיבור איבער הלכות נידה. ס׳איז בפֿירוש אַ שאַרפֿער פּראָטעסט, ווערדליק דעם סגנון פֿון רבנישע איגרתלעך. די תּשובֿה געפֿינט זיך צווישן מהרי״לס „נײַע תּשובֿות״ (דאָס הייסט, אָט־די וועלכע זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן דורך געלערנטע ערשט אין דער נײַער צײַט). מיר ברענגען דעם טעקסט דער עיקר לויט סץ (1977); אַ חלק פֿון דער תּשובֿה האָט צו ערשט פֿאַרעפֿנטלעכט אסף (1942־1943). קאָמענטאַרן דעריף טרעפֿט מען אין דינֿרי (*1984: 62־63*), יובֿל (1988: 311־318) און שמערוק (1988: 17־18).

*דער מהרי״ל ענטפֿערט אָפּ „החבר ר׳ חיים״:* די געלערנטע האַלטן אַז דאָ גייט די רייד וועגן „ר׳ חיים צרפֿתי מאויספּורק״ (אויגסבורג; פֿגל. סץ 1977: צב־צג; יובֿל 1988: 311). ר׳ חיים האָט בדעה געהאַט מחבר זײַן אַ חיבור אויף לשון אַשכּנז וועגן הלכות נידה. האָט אים דער מהרי״ל אָרײַנגעזאָגט בזה הלשון:

הנני נחוץ להשיב לאהובי הנחמד הח״ר חיים שי׳, נפלאתי עליך עד מאד דסליק אדעתיך לחבר בלשון אשכנז את אשר יעדת, ועל הראשונים אנו מצטערים שכל בע[ל] ה[בית] שיודע לקרות פרש״י בחומש או במחזור או לכל הפחות שיטה בילדותו ופירש לפני ימים ושנים, ויש שמעולם לא שימש תלמיד חכם, כל אלה חברו אל עמק השוטים ומסתכלים בדברי רבו׳ המחברים כגון שערי דור״א וסמ״ק וטורין וכל אשר נמצא אתו, ומורין הלכה *למעשה מתוך חיבוריהן.*

(לויט ס״ז 1977: צב־צג)

איך אײַל זיך צו ענטפֿערן דעם באַליבטן, דעם טײַערן, דעם חכם ר׳ חיים, זאָל לעבן. ס׳וווּנדערט מיר אויף דיר ביז גאָר, אַלמאַי ס׳קומט דיר אַרויף אויפֿן זינען גאָר מחבר זײַן אויף לשון אַשכּנז דאָס וואָס דו האָסט בײַ זיך אָפּגעפּאַסט, בשעת ווען אויף די פֿריערדיקע פֿאַרדריסט אונדז שוין, וואָס יעדער באַלעבאָס וואָס קען לייענען פּירוש רש״י אין חומש, צי אין מחזור, צי כאָטש שיטה [פּשט פֿון אַ סוגיא אין דער גמרא], אין די קינדער־יאָרן און [געקענט] פֿאַרטײַטשן מיט אַ סך יאָרן פֿריִער, און פֿאַראַן נאָך אַזעלכע וואָס האָבן קיין מאָל קיין תּלמיד־חכם ניט באַדינט, אָטאָ די אַלע ווערן צוגערעכנט צום טאָל־פֿון־שוטים [עמק השוטים, וואָרט־שפּיל אויף עמק השדים׳ ד.ה. ים המלח, לויט בראשית יד:ג]. זיי טוען אַ קוק אַרײַן אין די רייד פֿון אונדזערע רבנים די צונויפֿזאַמלער, למשל שערי דור״א און סמ״ק און די [ארבעה] טורים, און אַבי וועלכע [ספֿרים] וואָס געפֿינען זיך בײַ אים, און פֿון זייערע צונויפֿזאַמלונגען לערנט מען אַרויס הלכה־למעשה.

*דאָ האָט דער מהרי״ל גאָר אַן אַנדער טענה* צו ווערק אויף ייִדיש. דאָרטן, אײנעם זאָג וואָס ס׳האָט אויפֿגעשריבן ר׳ זלמן משוטיגווערא, האָט ער מורא געהאַט, דער מהרי״ל, אַז ייִדן מיינען אַז זיי זײַנען יוצא פֿון אָפּהיטן מצוות דערמיט וואָס זיי זינגען מיט כּוונה ייִדישע לידלעך. אָבער דאָ, אין אַן אייגענער תּשובֿה, זאָגט ער זיך אַרויס אַקעגן אַ ווערק פֿון אַ רבֿ אַ מומחה וואָס איז גאָר אויסן צו פֿאַרזיכערן אַז ייִדן זאָלן דווקא יאָ אָפּהיטן מצוות כּדבעי. ער איז אָבער ניט אַקעגן, גלאַט דערפֿאַר וואָס ס׳איז אָנגעשריבן אויף ייִדיש. ער איז קעגן דעם אַז פּשוטע מענטשן — אַזעלכע וואָס קענען לייענען אַ ייִדישן חיבור נאָר ניט קיין לשון־קודשדיקן אָדער אַראַמישן — זאָלן נעמען און פּסקענען שאלות אין הלכה־למעשה.

ווער ס׳קען דעם מהרי״לס ביאָגראַפֿיע ווייס וויפֿל ס׳איז אים אָנגעגאַנגען דער ענין פֿון אויפֿהיטן אין רבנות דאָס וואָס מ׳רופֿט הײַנט אָן „פּראָפֿעסיאָנאַליזם״. אַ סקעפּטיקער קען דאָ אַרײַנטײַטשן „פּראָטעקציאָניזם״ (ווידער אַ מאָל, אָנווענדנדיק אַנאַכראָניסטיש אַ טערמין פֿון דער הײַנטצײַטיקער באַגריפֿן־וועלט). דעם מהרי״ל איז אָבער אָנגעגאַנגען אויפֿהיטן דעם מעמד פֿון דער רבנות: בײַ אים איז דאָס לחלוטין ניט אָפּצוטיילן פֿונעם איכות, פֿון דער ריכטיקייט פֿון אַ פּסק־דין אין טאָגטעגלעכע שאלות.

דאָס אָפּהיטן דעם מעמד פֿונעם תּלמיד־חכם איז דעם מהרי״לס אַ יסודותדיקער בײַטראָג צו אַ טיפֿן קאָלעקטיוון כאַראַקטער שטריך פֿון טראַדיציאָנעלן אשכּנזישן ייִדנטום. והא ראיה, ניט נאָר איז ער אַקעגן דעם מ׳זאָל פּסקענען שאלות לויט אַ פּאָפּולער ספֿרל אויף לשון־אַשכּנז, ער איז אויך קעגן דעם, ס׳זאָלן פּסקענען אַזעלכע וואָס קענען בלויז אַרײַנקוקן אין די מחברים, געמיינט דאָ ניט גלאַט „שרײַבער״, נאָר „מחברים״ לויטן ענגערן לשון־קודשדיקן באַדײַט פֿון „צונויפֿזאַמלער״ (טאַקע פֿון לשון חבר. דעם העברעיִשן שורש וואָס איז טײַטש „צוזאַמענבינדן״, „קאָמפּילירן״). דאָ גייט די רייד וועגן די אויסגעסדרטע זאַמלונגען פֿון הלכות, וווּ ס׳ווערן געבראַכט נאָר די דינים, ניט די גאַנצע אַרגומענטאַציע פֿון דער גמרא און דער רבנישער ליטעראַטור. אין מהרי״לס דור זײַנען די ארבעה טורים פֿון ר׳ יעקב בעל הטורים געווען דאָס קרוינווערק פֿון דעם־אָ זשאַנער. סײַ דער טור און סײַ די אַנדערע ווערק וואָס דער מהרי״ל רעכנט אויס זײַנען אַלץ לשון־קודשדיקע ספֿרים, אלא מאַי, ס׳איז אויך ניט גענוג צו קענען סתּם

אַרײַנקוקן אין זיי אויף גענוי און ווערן דעם דין. הלכה־למעשה דאַרף פּסקענען נאָר דער וואָס איז בקי אין דער גאַנצער שקלא־וטריא פֿון דער גמרא און די מפֿרשים. און ווער איז דאָס מסוגל? נאָר און בלויז אַ ריכטיקער רב.

דער מהר״ל איז ממשיך אין זײַן תּשובֿה ר׳ חיימען צו דערקלערן גענוי אין וואָס (און אין וועמען) דאָ גייט.

והן הן התנאים מבלי העולם שאמרו רז״ל פרק היה נוטל כי אינם יודעים הטעמים, ולפי הטעמים משתנים הדין וההוראה כדפי׳ רש״י בכל דוכתיה שאין הוראה אלא התלמוד כדאיתא בכל דוכתי מ״ט מר אמר כו׳ מאי בינייהו כו׳. ועוד ראייה להם לב לחלק ומדמין מילתא רחוקה ממזרח למערב. ורבו[תינו] המחברים לא כן כיונו אלא לתלמידים הראוין להורות והם יודיעו את הנשים חוקים הם זגז׳ הן בביתו או בעירו או בשכונתו. והמכשילה הזאת תחת ידינו כדלעיל, כי לא רבים יחכמו וסבורים להתחכם ועדיין לא נפתחו עיניהם. ואני שמעתי באזני מפי אחד מן המפלפלים שהיה מלעיז על לימוד הפלפול ועל התלמוד ואמר מתוך חיבור משנה תורה של הרמב״ם יפסוק כל הספיקות שבעולם. ובילדותו שנה מעט ואפ״ה לא היה לו לב לידע כמה תיקו יש בתלמוד וכמה ספיקות יש באותו חיבור בעצמו ובפלוגתו׳, ומה שנתחדשו ספיקות ופלוגתות מאז שנתפשט אותו חיבור מידי יום יום. והכל הגדנו ואפי׳ הכי היה מתרים כנגדי זכנגד טובייני חבידי דבנן סמיכי. תא חזי כמה סמיות עיניהם ולבם הטוח.

(לויט סץ 1977: צג)

און זיי זײַנען דאָס די לערנער וואָס ברענגען אום די וועלט, וואָס די רבנים האָבן אויף זיי געזאָגט (אין פרק [היה] נוטל [וואָס אין מסכת סוטה, דף כב ע״א]), אַז זיי ווייסן ניט די סיבות [צוליב וועלכע דער דין איז אַזוי אָדער אַזוי], און לויט די סיבות קען זיך גאָר איבערבײַטן דער דין און די אָנווײַזונג [ווי מ׳דאַרף טאָן], ווי רש״י האָט [דאָרטן, אין מסכת סוטה] געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז אין ערגעץ איז ניטאָ קיין ריכטיקע דערלערנונג אויסער פֿונעם תּלמוד. אַזוי איז דאָס אין אַלע פֿאַלן. [פֿרעגט די גמרא:] פֿאַרוואָס? איינער זאָגט [אַזוי און איינער זאָגט אַזוי], איז וואָס איז [דער חילוק] צווישן זיי? [וואָס איז די סבֿרא פֿון אָט־דער שיטה אין דער גמרא, און וואָס איז די סבֿרא פֿון דער צווייטער שיטה אין דער גמרא, וואָס צווינגט די צוויי שיטות אַנדערש אָפּצולערנען פּשט אין דער משנה?] און נאָך אַ ראיה, זיי האָבן ניט קיין פֿאַרשטאַנד אויף מבֿחין זײַן, און פֿאַרגלײַכן זאַכן וואָס זײַנען אַזוי ווײַט פֿונאַנאַנדער אַזש ווי מזרח ביז מערבֿ. און אונדזערע רבנים די צונויפֿזאַמלער האָבן אַזאַ כּוונה ניט געהאַט [ווען זיי האָבן אָנגעשריבן זייערע ספֿרים], נאָר וואָדען, [זיי האָבן מחבר געווען די צונויפֿזאַמלונגען] פֿאַר תּלמידים וואָס זײַנען ראוי צו פּסקענען, און זיי ווידער וועלן לערנען מיט די ווײַבער זייערע דינים, זיי א.אַ.וו. אַזוי אין זײַן שטוב אָדער אין זײַן שטאָט אָדער אין זײַן געגנט. און די דאָזיקע שטרויכלונג איז פֿאַראַן בײַ אונדז ווי ס׳איז אויבן געזאָגט געוואָרן. קיין סך זײַנען קיין חכמים ניט געוואָרן, זיי קלערן צו ווערן חכמים נאָר זייערע אויגן זײַנען נאָך ניט אויפֿגעעפֿנט געוואָרן. און איך האָב געהערט מיט די אייגענע אויערן פֿון מויל פֿון איינעם פֿון די פּילפּול־מאַכער וואָס האָט באַרעדט דאָס לערנען פּילפּול און תּלמוד, און האָט געזאָגט, אַז אויפֿן סמך פֿון דער צונויפֿזאַמלונג משנה תּורה פֿונעם רמב״ם וועט ער אָפּפּסקענען אַלע ספֿקות אין דער וועלט. אין זײַנע קינדער־יאָרן האָט ער געלערנט אַ ביסל, און פֿונדעסטוועגן האָט ער קיין פֿאַרשטאַנד ניט געהאַט צו באַנעמען ווי אָפֿט ס׳איז דאָ אַ „תּיקו״ אין תּלמוד [אַן אָנווײַזונג, אַז קיין מסקנא איז ניט פֿאַראַן], און וויפֿל ספֿקות עס זײַנען פֿאַראַן אין יענער צונויפֿזאַמלונג גופֿא, און אין די מחלוקתן [אַרום איר], און דאָס אַלץ איז אין צוגאָב צו דעם וואָס ס׳האָבן זיך פֿון טאָג צו טאָג באַנײַט ספֿקות מיט מחלוקתן פֿון זינט עס איז פֿאַרשפּרייט געוואָרן יענע צונויפֿזאַמלונג [דעם רמב״מס משנה תּורה]. אַלצדינג האָבן מיר אים געזאָגט, און אַפֿילו דעמאָלט פֿלעגט ער פּראָטעסטירן קעגן מיר און

קעגן די בר־סמכאדיקסטע פֿון די רבנים מײַנע חבֿרים. קום און זע ווי בלינד זײַנען עס זייערע אויגן, ווי פֿאַרשטאָפּט ס׳איז זייער האַרץ.

פֿון מהרי״לס רייד זעט זיך קלאָר אַרויס, אַז עס איז דעמאָלט געווען אַ נטיה זיך צו פֿאַרלאָזן אין ענינים פֿון הלכה־למעשה אויף אַזעלכע וואָס קענען „אַרײַנקוקן" אין די צונויפֿזאַמלונגען פֿון הלכות, נאָכצוקוקן ווי איז דער דין, כאָטש פֿאַרשטיין די אַלע מחלוקתן אין דער גמרא און אין די מפֿרשים זײַנען זיי ניט בכּוח. אין טייל מאָדערנע ייִדישע דיאַלעקטן ווענדט מען אָן דעם באַגריף „יודע ספֿר" אויף בערך אַזאַ מין ייִד, וואָס קען „אַרײַנקוקן אין אַ ספֿר" כאָטש צו קיין תּלמיד־חכם קומט ער ניט.

דעם הײַנטיקן קולטור־היסטאָריקער קען אַפֿילו אויסקומען אַ חידוש ממש, וואָס בײַם מהרי״ל זײַנען דעם רמב״מס משנה תּורה און ר׳ יעקב בן אשרס ארבעה טורים גאָרניט קיין „איינטײַטשיקע גליקן", ערשטנס, ווײַל ס׳קען אויסוואַקסן דער אײַנדרוק אַז מ׳דאַרף שוין ניט קיין ריכטיקן רבֿ; והשנית, ווײַל דער פּסק וואָס ווערט געגעבן אויפֿן סמך פֿון די צונויפֿזאַמלונגען איז עלול צו זײַן אַ פֿאַלשער, מחמת די סיבה צוליב וועלכער די הלכה איז אַזוי אָדער אַנדערש האָט אָפּטמאָל אַ ווירקונג אויפֿן פּסק אין אַוועלכער ניט איז קאָנקרעטער מעשה־שהיה; מיט אידע אַלע פּרטים און פּרטי־פּרטים. די צונויפֿזאַמלונגען זײַנען געשריבן בתּכלית־הקיצור און מיט פֿאַראַל־געמיינערונגען, און ס׳קען זיך גרייליך מאַכן אַז אַ קליינער שינוי אינעם אַקטועלן פֿאַל, וואָס ווערט אין די־אָ קאָמפּילאַציעס גאָרניט דערמאָנט, זאָל גורם זײַן אַז ס׳זאָל צוקומען נאָך אַ צד און דער פּסק זאָל זײַן אַנדערש.

דער מהרי״ל דערלאַנגט אַ טויטקלאַפּ די וואָס קענען ניט לערנען קיין בלאַט גמרא „אינעווייניק". ער ווײַזט אָן אַז די גמרא איז פֿול מיט „תּיקוס" (ניט־פֿאַרענטפֿערטע קשיות). נעמענדיק אין באַטראַכט אַז דער רמב״ם מיטן טור זײַנען עד היום געבליבן אומפֿאַרבײַטלעך אין יעדער רבנישער ביבליאָטעק, באַקומט זיך שיער ניט סענסאַציאָנעל דעם מהרי״לס נעגאַטיווער קוק אויף די־אָ ווערק. ער באַשולדיקט אַפֿילו דעם רמב״מס משנה תּורה אין גורם זײַן נײַע ספֿקות און מחלוקתן. מ׳דאַרף אַגבֿ האַלטן אין אויג אַז דער מעמד פֿונעם רמב״ם אין ייִדישן לעבן איז דעמאָלט געווען אַ סך מער נוטה למחלוקת איידער הײַנט. דאָס איז אָבער אַן אַנדער פּרשה.

אויב שוין אַזוי, איז גאָר קיין חידוש ניט וואָס אַ הלכה ווערק אויף ייִדיש איז דעם מהרי״ל „על אחת כמה וכמה" דערווידער. ער איז ממשיך אין זײַן תּשובֿה ר׳ חיימען:

ועכ״ז אתה בא להוסיף ולגלגל עלינו חדשים ולפזר במקום המפוזרים לעם הארץ ולנשים הפוחזים ולתת להם יד ושם ללמוד ולהורות מתוך חבורך האשכנזי ענייני נידות וכתמים דדייקו בה רבנן קמאי ובתראי, והוו כמים שאין להם סוף. חלילה חלילה, הנשמע או הנמצא כזה מימות אבותיך ואבות אבותיך, ואף כי חזינן הרבה הילכות איסור והתר ונדה וחלה והלכות פסח וי״ט וכמה עניינים. ולא כדי שתתגדר כזה בהם הניחון, אלא מפני המכשול כדלעיל.

*(לויט סך 1977: צג [מיט איין תּיקון לויט אסף 1942—1943: 42])*

און אויף דעם אַלעמען קומסטו נאָך צולייגן, און אָנדרייען אויף אונדז נײַע, און פֿאַנאַנדערטראָגן [תּורה] אויפֿן אָרט פֿון די פֿאַרשפּרייטער פֿון [תּורה], די עם־הארצים און די לײַכטזיניקע נשים, און צושענקען זיי אַ כּוח, זיך לערנען און צו לערנען מיט אַנדערע אויס דײַן אַשכּנזישער [ד.ה. ייִדישער] צונויפֿזאַמלונג, די ענינים פֿון נידה און בלוטפֿלעקן וואָס אונדזערע פֿריערדיקע און שפּעטערדיקע רבנים האָבן דערויף זייער אַכטונג געגעבן, און וואָס זײַנען געגליכן צו אַ וואַסער אָן אַ סוף [זייער טיפֿע ענינים]. חלילה, חלילה! ס׳איז דען געהערט געוואָרן, ס׳איז דען פֿאַראַן געווען, אַזאַ מין זאַך פֿון די טעג פֿון דײַנע אָבֿות און די אָבֿות פֿון דײַנע אָבֿות? און ניט קוקנדיק וואָס מיר האָבן געזען אַ סך

װעגן הלכות איסור והיתּר [װאָס ס'איז פֿאַרװערט און דערלויבט צו עסן: בשׂר־בחלבֿ, טריפֿות וכו'] און נידה און חלה און הלכות פּסח און יום־טובֿ און פֿאַרשײדענע ענינים, האָט מען זײ געלאָזן [אָן אַן איבערזעצונג], נאָר װאָדען, צוליב אַ מכשול װאָס קען דערפֿון אַרויס [האָט מען זײ ניט פֿאַרטײַטשט].

„אָפּגעװישט" דעם רבנישן חבֿר זײַנעם פֿאַרן בלויזן אײַנפֿאַל מחבר צו זײַן הלכות נידה אויף ייִדיש, נעמט דער מהרי"ל און דערציילט אַ צװייטע מעשׂה־שהיה, װאָס האָט פּאַסירט אין שייכות מיט הלכות שחיטה, װוּ מ'האָט ניט נאָר „געמאַכט אויף ייִדיש", נאָר ערגער נאָך — מיט גראַמען און מליצה.

חכם אחד היה וחיבר הלכות שחיטה במליצת השיר וחרז בלשון אשכנז ובביאור מאוד ובכוונה טובה עשה, יען כי ראה כי יש כמה עמי ארץ שיש בישובים שאין יכולים להשיג ולהבין מלב' על בוריים אפי' הילכות שחיטה מתוך חבור לשון הקדש, ואפי' צריך לידעם תמיד ולהתרגל בהם תמיד בעל פה ולזכור אותם תמיד ולמרמי אנפשיה בשעת שחיטה, זכל זה חמוד עליהם במחבורי השחיטות ולחזור תמיד, על כן יסד להם בלשון אשכנז. ואפ"ה לא נתפשט, אלא כולם צריכים לידע הילכות שחיטה שיסדו לה מחברים אף כי יש שקצרו ביותר ומהר"ם יותר מכולם. ואותם של אשכנז מבוארים היטב ואפ"ה לא נהגו רבו' להקביל השוחטים על פיהם, אף כי כל פסול שחיטה דאורייתא.

(לויט ס״ץ 1977: צג־צד)

געװען איינער אַ חכם, האָט ער צונויפֿגעזאַמלט הלכות שחיטה אין אַ מליצהדיק ליד, און עס געגראַמט אויף לשון־אַשכנז. און מיט אַ גוטן פּירוש און אַ גוטער כּװנה האָט ער עס געמאַכט, מחמת ער האָט אײַנגעזען אַז עס ס'זײַנען דאָ אַ צאָל עם־הארצים װאָס זײַנען פֿאַראַן אין די ישובֿים, װאָס זײַנען ניט מסוגל משׂיג זײַן און פֿאַרשטיין, אַפֿילו הלכות שחיטה אויס אַ לשון־קודשדיקן חיבור, און מ'דאַרף זײ אַפֿילו תּמיד געבן צו פֿאַרשטיין, און זײ כּסדר צוגעװוינען [צו דער צן] בעל־פּה, און זײ כּסדר דערמאָנען, עס צו האַלטן אויפֿן זינען בשעת שחיטה, און דאָס אַלץ איז זײ זייער שװער: [כּסדר אַרײַנקוקן דאָרטן] אין די [לשון־קודשדיקע] העפֿטן פֿון [הלכות] שחיטה. דעריבער האָט מען עס זײ אויפֿגעשריבן אויף לשון אַשכּנז. נאָר אַפֿילו אין דעם פֿאַל האָט זיך עס ניט פֿאַרשפּרייט, נאָר װאָס דען: אַלע דאַרפֿן קענען הלכות שחיטה װאָס ס'האָבן אויפֿגעשריבן די מחברים, ניט קוקנדיק װאָס עס זײַנען פֿאַראַן די װעלכע האָבן אַ סך געקירצט, און דער מהר"ם מער פֿון אַלע. און אַפֿילו אַז די װאָס אויף [לשון] אַשכּנז זײַנען גוט דערקלערט, אַפֿילו אַזוי האָבן זיך די רבנים ניט נוהג געװען געבן קבלה [סמיכה] די שוחטים אויפֿן סמך פֿון זײ [די צונויפֿזאַמלונגען אויף לשון אַשכּנז], ניט קוקנדיק דערויף װאָס יעדער פֿעלער אין אַ שחיטה איז אַ מדאורייתא.

דאָ איז דער מהרי"ל, הייסט דאָס, מודה אַז אין הלכות שחיטה האָט זיך גראָדע יאָ װוּ־ניט־װוּ אָנגענומען דאָס פֿאַרלאָזן זיך אויף אַ ניט ייִדיש ספֿרל, כאָטש אַפֿילו אין דעם פֿאַל האָט מען אָנגענומען אַ שוחט נאָר אויפֿן סמך פֿון זײַן קענען די ריכטיקע מקורות. דער מהרי"ל פֿאַרענטפֿערט דאָס עצם באַנוצן זיך מיט ייִדישע ספֿרימלעך דורך אַ מין „שעת הדחק"־תּירוץ: אַז ס'גייט די רייד װעגן דעם אַז ס'איז אין דער הייסער מינוט, בעת שחיטה, ערגעץ אין אַ װײַטן ישובֿ, װוּ קיין רבנים זײַנען ניט פֿאַראַן, און ס'איז שװער בשעת מעשׂה, זײַענדיק אין בוינע, כּסדר נאָכצוקוקן אין אַ האַרבן לשון־קודשדיקן הלכה ספֿר: דעמאָלט, אין אַזאַ פֿאַל, האָט מען געמאַכט אַ הנחה. און דאָך נעמט מען ניט אָן אַזאַ מין שוחט װאָס קען נאָר דאָס (און דאָ גייט דער מהרי"ל מיט אַנדערע, פֿריערדיקע רבנים).

דער מהרי"ל, װי אַ סך גרויסע רבנים אין משך פֿון אַלע דורות, איז אַ װעכטער פֿונעם גדר, ניט דערלאָזנדיק אַז איין הנחה זאָל דערפֿירן צו אַ צװייטער.

קומט ער מיט אַ קל־וחומר, אַז מה־דאָך אַפֿילו דאָרטן אין הלכות שחיטה האָט מען אַזוי מצמצם

גערוען בנוגע דעם מעמד פֿון אַ גוט ייִדיש ספֿרל, איז אין ענין פֿון נידה (ווו דער שואל־תּשובֿה ר׳ חיים איז געקומען מחבר זײַן אַ חיבור אויף ייִדיש וועגן אָטאָ די הלכות) איז לחלוטין „אַראָפּ פֿון מאַרק״.

ק״ו בן בנו של ק״ו להילכות נידה בדורינו השפל והפרוץ בע״ה מהטעמים דלעיל. ולא יזכר ולא יפקד ולא יעלה על לב לעולם. אך הנח להו לבנות ישראל אם אינן נביאות הן בנות נביאות הן ומנעוריהן בקיאין הן על פי אימותן והורתן. ושורש רוב החומרות דרבנן דמקילי הרבה בנות ע״ה ונשותיהן. על כן מוטל על כל חכם ות״ח להודיעם ולהפרישם מאיסור ולהדריכן בדרך ישרה, ולכל הפחות בני ביתו והם יודיעו לחברותיהם, והכי הוי לישנא דתלמודא אמרו רבותינו לעולם ילמד אדם בני ביתו לרחק כו׳. ולפעמים ידרוש להם לפי מה שנראה לו צורך להודיען, אי בר הכי הוא. אך יזהר בדבריו שלא יטעו כאשר ראיתי כמה פעמים שטועים בדברי הדורש מה שדרש לאסור הבינו להיתר. וכזה עשו קמאי דקמן מהר״ח ואחריני שדרשו עניינים שלו הנראה להם צורך, וכן שאר ענייני תורת הבית הנ״ל. וכן נהוג חכמי דורינו ונלך בעקבותיהם ובזה נפשינו הצלנו.

(לויט סץ 1977: צד)

איז עס אַ קל־וחומר אַ־קינד־פֿון־אַ־קינד פֿון אַ קל־וחומר, אין הלכות נידה, אין אונדזער שפֿלותדיקן און אויסגעלאַסענעם דור, בעוונותינו הרבים, צוליב די אויבן דערמאָנטע סיבות. ס׳איז „לא יזכר ולא יפקד״, און ס׳זאָל קיין מאָל ניט אַרויף אויפֿן געדאַנק, ס׳איז דאָך אָנגענומען אויף ייִדישע טעכטער אַז אויב זיי זײַנען ניט קיין נבֿיאות זײַנען זיי בת־נבֿיאות, און פֿון זייערע קינדער־יאָרן זײַנען זיי בקי [אין הילכות נידה] פֿון זייערע מאַמעס און עלטערן. און דער שורש פֿון די מערסטע חומרות וואָס זײַנען מדרבנן, ליגט דערין וואָס אַ סך טעכטער פֿון עם־הארצים זײַנען זיך מקיל אין דעם ענין. אויך זייערע ווײַבער. פֿאַר דער פֿאַר ווערט אַרויפֿגעלייגט אויף יעדן חכם און תּלמיד־חכם זיי מודיע צו זײַן און זיי אָפּצוגרענעצן פֿון אַן איסור, און זיי מדריך צו זײַן אויף אַ רעכטפֿאַרטיקן וועג, און לכל הפּחות די אייגענע בני־בית, און זיי ווידער וועלן לאָזן וויסן זייערע חבֿרטעס.

און אַזוי איז דאָס לשון פֿונעם תּלמוד, אונדזערע רבנים האָבן געזאָגט: אַ מענטש זאָל אַלע מאָל לערנען מיט זײַנע בני־בית זיי זאָלן זיך דערווײַטערן וכו׳. און צײַטנווײַז זאָל ער זיי אָנלערנען לויט דעם וואָס אים ווײַזט אויס פֿאַר נייטיק זיי צו וויסן טאָן, אויב ער איז אַזאַ איינער. נאָר ער זאָל זײַן אָפּגעהיט אין די רייד זײַנע, זיי [די ווײַבער] זאָלן זיך ניט טועה זײַן, ווי איך האָב עטלעכע מאָל געזען, מען האָט אַ טעות בײַם פֿאַרשטיין די רייד פֿון דעם וואָס לערנט אָן, און דאָס וואָס ער האָט אָנגעלערנט אויף איסור פֿאַרשטייט מען גאָר להיתר. און אַזוי האָבן געטאָן די פֿריערדיקע, פֿאַר מורנו הרב ר׳ חיים [אַ רבי פֿון מהרי״ל], און די לעצטע, וואָס האָבן צוגעלערנט די ענינים זײַנע דאָרטן ווו זיי זעען דערין אַ נויטווענדיקייט, און אַזוי אויך בײַ די איבעריקע ענינים פֿון תּורה וואָס אין דער שטוב, וואָס ווערן אויבן דערמאָנט. און אַזוי פֿירט זיך בײַ די חכמים פֿון אונדזער דור, און מיר וועלן גיין אין זייערע פֿוסטריט, און מיט דעם האָבן מיר די נשמות אונדזערע אָפּגעראַטעוועט.

3

# דער מהרי״ל און ייִדיש

אינעם ענין פֿון די ייִדישע לידער וועגן גאָט און רעליגיעזע פּרינציפּן, האָט דער מהרי״ל מורא געהאַט, אַז אַזעלכע אַסטעטישע אויסדרוקן זײַנען בײַ טייל ייִדן עלול גאָר צו פֿאַרבײַטן דאָס אָפּהיטן די מצוות. און ער זאָגט עדות אַז ער האָט אַזוינס געזען מיט די אייגענע אויגן.

און וואָס שייך ר׳ חיימס פּלאַן מחבר צו זײַן אַ ייִדיש ספֿרל וועגן הלכות נידה, האָט דער מהרי״ל מורא געהאַט, מ׳זאָל ניט אַראָפּהאַקן דעם מעמד פֿון פּראָפֿעסיאָנעלן ראַבינאַט, וואָס איז בײַ אים ניט אָפּצוטיילן פֿון דער ריכטיקייט פֿון תּשובֿות און

פּסקים אין הלכה ענינים. אַזאַ פֿאַרמינערונג פֿונעם ניוואָ פֿאַרלויפֿט זיך, דעמאָלט ווען אַזעלכע וואָס זײַנען ניט קיין תּלמידי־חכמים און קענען קיין בלאַט גמרא ניט לערנען, גייען און פּסקענען שאלות אויפֿן סמך פֿון די הלכה זאַמלונגען פֿונעם רמב״ם און פֿונעם טור, אָדער נאָך ערגער — פֿון אַ יידיש ביכל.

נאָר אין ענין פֿון שחיטה האָט דער מהרי״ל צוגעגעבן אַז מ׳האָט געמאַכט אַ „האַלבן אויסנאַם״, ניט וועגן געבן סמיכה אַ שוחט, נאָר וועגן דורכפֿירן שחיטה ערגעץ ווײַט אויפֿן ישובֿ ווו קיין רבנים זײַנען ניטאָ. איז קיין וווּנדער ניט וואָס דער ענין הלכות שחיטה האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט איינעם פֿון די ערשטע „פֿענצטער״ פֿאַר יידיש שבכתב אין תּחום פֿון רעליגיעזן לעבן. ניט קוקנדיק אויפֿן מהרי״לס תּשובֿה זײַן חבֿר ר׳ חיימען, האָבן אויך די פֿרויִיִשע מצוות (און ניט נאָר נידה) אויך געגעבן אַ „פֿענצטער״ דער אַלט־יידישער ליטעראַטור (וועגן די ביידע ענינים זע שמערוק 1988: 17־22).

דער פּחד איז אין די ביידע פֿאַלן ניט קיין פּחד פֿאַר דער שפּראַך, ניט פֿאַר „יידיש״ גופֿא, ווי אַ באַגריף פֿאַר זיך, אלא וואָדען, פֿאַר דעם וואָס ווערט געטאָן אָדער קען געטאָן ווערן מיט יידיש און וואָס איז עלול גורם זײַן אַן אָפּשוואַכונג פֿון די הלכהשע יסודות פֿון דער אַשכּנזישער ציוויליזאַציע. און לויטן מהרי״לס באַגריף, איז קלאָר אַז געוויסע יידישע חיבורים וואָס זײַנען אויסן צו שטאַרקן די הלכה קענען גאָר האָבן אַ פֿאַרקערטע פּעולה, מחמת מ׳וועט פֿאַלש פּסקענען אויפֿן סמך פֿון אַ צונויפֿזאַמלונג פֿון דינים, בעת נאָר אַ ריכטיקער רב וואָס קען די גאַנצע שקלא־וטריא פֿון דער גמרא איז ראוי צו פּסקענען. און נסים ונפֿלאות, דעם מהרי״ל איז דערווידער וואָס אַנדערע פּסקענען אַפֿילו לויט אַזעלכע לשון־קודשדיקע הלכה מײַסטערווערק ווי דעם רמב״מס משנה תּורה און ר׳ יעקבֿס ארבעה טורים.

סײַ אין פֿאַל פֿון די יידישע לידלעך און סײַ אין פֿאַל פֿון הלכה קאָמפּילאַציעס אויף יידיש (זאָל זײַן וועגן שחיטה, זאָל זײַן וועגן די ווײַבערשע דינים), איז דער מהרי״ל ניט „קעגן יידיש״. אין ערשטן פֿאַל איז ער קעגן אַ ממלא־מקום פֿאַר די מצוות. אין צווייטן איז ער קעגן אַ ממלא־מקום פֿאַר בר־סמכאדיקע רבנים וואָס זײַנען בקי אין דער גמרא.

בלײַבן בלײַבט אָבער אַ קשיא: צי איז ניט די שטעלונג, אַקעגן דאָס אויף יידיש און ווידער אַמאָל אַקעגן עפּעס אַנדערש אויף יידיש, ניט היינו הך אין לעצטן סך־הכּל מיט אַ נעגאַטיווער שטעלונג צו יידיש (כאָטש אַוודאי ניט אין מאָדערנעם זין)?

ניין. והא ראיה, דאָרטן ווו ס׳איז לטובֿה פֿון דער הלכה איז דער מהרי״ל ניט נאָר „פֿאַר״ דעם באַנוץ פֿון יידיש, ער האָט אַפֿילו אַליין געשאַפֿן אַ נוסח אויף יידיש. ס׳גייט די רייד וועגן זײַן באַוווּסטן „כל חמירא וחמיעא״ אין הלכות בדיקת חמץ, וואָס זלמן משוטיגעווערא האָט פֿאַררעגיסטרירט אין זעלביקן ספֿר מהרי״ל:

כל חמירא וחמיעא דאיכא ברשותי דלא חמיתי ודלא ביערתי ליבטל וליהוי כעפרא ויש מסיימין כעפרא דארעא וכן הוא בספר אגודא ומי שאינו יודע יכול לומ׳ בכל לשון אפי׳ בלשון אשכנז ודינו. וכן הבודק לאלמנה היא מבטל[ת] בעצמה אם אינה יודעת בלשון הקודש תאמר בלשון אשכנז כך א״ל אורה״פא אונ״ד אל וויאר טייק דש־דא איש״ט אין מיינ״ר גוו״אלט דש איך ניט״ האן גזע״הן אונד ניט״ האן איש גר״וימט עש זול זיין ב״ויר שט״ורט אונד״ זול זיי א״ז עש דער ערדן.

(לויט זלמן משוטיגווערא 1556: ח ע״ב; וועגן די וואַריאַנטן פֿונעם מהרי״לס נוסח פֿגל. ווײַנרײַך 1973: III, 279)

[דאָס וואָס מ׳זאָגט בײַם פֿאַרברענען דעם חמץ, דהיינו]: „כל חמירא וחמיעא דאיכא ברשותי דלא חמיתי ודלא ביערתי ליבטל וליהוי כעפרא״ און פֿאַראַן אַזעלכע וואָס פֿאַרענדיקן מיט די ווערטער: „כעפרא דארעא״ [׳שטויב פֿון דער ערד׳ אַנשטאָט ׳שטויב׳], און אַזוי שטייט אין ספֿר אגדה. און ווער ס׳קען ניט קען זאָגן אויף יעדער

שפּראַך, אַפֿילו אויף לשון־אַשכּנז, און דאָס וועט אים קלעקן. און אַזוי בײַ דעם וואָס איז בודק פֿון אַן אַלמנהס וועגן. זי איז אַליין מבטל [דעם חמץ]: אויב זי קען ניט אויף לשון־קודש זאָל זי זאָגן אויף לשון־אַשכּנז אָט אַזוי אַ: „אַלערליי חמץ און אַלערליי זויערטייג וואָס ס׳איז פֿאַראַן אין מײַן אייגנטום, וואָס איך האָב ניט געזען און האָב ניט אויסגעראַמט, זאָל עס צו־נישט זײַן, און זאָל זײַן ווי די ערד״.

נמצא, אַז בײַ אַן אַלמנה וואָס פֿאַרשטייט ניט דעם האַרבן אַראַמישן טעקסט, איז בײַם מהרי״ל קיין דאגה ניטאָ וועגן דעם אַז זי זאָל „כל חמירא״ אויף ייִדיש זאָגן. נאָך מער, ער אַליין איז מחבר דעם ייִדישן טעקסט דערפֿון.

נאָר וואָס, שוין דעמאָלט, אין פֿערצעטן און פֿופֿצעטן יאָרהונדערט, איז ייִדיש, ווי די טאָגטעגלעכע שפּראַך וואָס אַלע קענען, שוין געווען געקניפּט מיט זאַכן וואָס האָבן בײַ דער דעמאָלטיקער אינטעליגענץ — די גרויסע רבנים — אַרויסגערופֿן — פּ ח ד.

*

## ביבליאָגראַפֿיע


**אסף, ש.**

1942—1943 „תשובה נגד תבור ספרי דינים ביִידיש״ אין קרית ספר 19: 41־42.

**גרינוואַלד, יקותיאל יהודה**

1944 מהרי״ל וזמנו. קורות חיי הגאון רבינו יעקב הלוי זצ״ל, נודע בשם „מהרי״ל״. רב וראש ישיבה במגנצא (מאַינץ) ווירמייזא (ווארמס). נולד בשנת ק״כ — נפטר בשנת קפ״ז: ניו־יאָרק.

**דינרי, ידידיה אלטר**

1984 חכמי אשכנז בשלהי ימי־הבינים. דרכיהם וכתביהם בהלכה. מוסד ביאַליק: ירושלים.

**זלמן משׂוטיגווערא**

1556 מהריל. הוא מורנו החכם השלם כמהרר יעקב בכמ״ר משה הלוי ז״ל שחבר ותקן מנהגי ק״ק אשכנז ולדורות נתן בלבם את הדרך אשר ילכו בה ואת המעשה אשר יעשון מראשית השנה ועד אחרית השנה. נדפס פה סביוניטה בבית הקצין כמ״ר טוביה פואה יצ״ו שנת שי״ו לפ״ק בחדש סיון ברשות שלשה גדולי עולם הלא הם נקובים בשמות בסוף הספר.

**ווײַנרײַך, מאַקס**

1973 געשיכטע פֿון דער ייִדישער שפּראַך, באַגריפֿן, פֿאַקטן, מעטאָדן. IV בענד, ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט: ניו־יאָרק.

**יובל, ישׂראל יעקב**

1988 חכמים בדורם. המנהיגות הרוחנית של יהודי גרמניה בשלהי ימי הביניים. הוצאת ספרים ע״ש י״ל מאגנס, האוניברסיטה העברית: ירושלים.

**סטיימאַן, סידני**

1963 Sidney Steiman. *Custom and Survival. A Study of the Life and Work of Rabbi Jacob Molin (Moelln) known as the Maharil (c. 1360-1427), and his influence in establishing the Ashkenazic Minhag (Customs of German Jewry)*. Bloch Publishing Compabny: New York.

**סץ, הרב יצחק**

1977 שו״ת מהרי״ל החדשות לרבינו יעקב מולין זצ״ל. *יו״ל לראשונה ע״פ כמה כתבי־יד* עם הערות והארות. מראי מקומות וציונים: מפעל תורה חכמי אשכנז מכון ירושלים: ירושלים.

**קאַץ, הירשע־דוד**

1997 „דאָס ׳ייִדישסטישע׳ בוך פֿון חתם־סופֿרס תלמיד ר׳ עקיבה־יהוסף שלעזינגער״ אין ייִדישע קולטור 59: 3־4 (מערץ־אַפּריל), 33־40; 5־6 (מײַ־יוני), 34־40.

**שמערוק, חנא**

1988 פּרקים פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע. ייִדיש אָפּטיילונג, דער העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים: תל־אָבֿיבֿ.